# אגרת השבת

אנאפענער בריף פון שבת צו
אמעריקאנער מאנופעקטשורערס
און ארבייטער

דורך

יהודה ליב גראבארט

[illegible]

איך פרינצעסין „שבת”. אפיעל צו אייד, איך בין געווען פאפולער און ברויך ניט פארצושטעלען מיין יחוס. איך בין אזוי אלט ווי לאנג אידען עקזיסטירען. איך האב איבערגעשפיעלט די גרעסטע ראלע און פארנומען דעם אויבענאן אין דער אידישער היסטאריע. איך בין די קרוין פון אידענטום, גאט און ישראל׳ס ליעבלינג.

אלזא, פרעגט זיך ווי קענט איהר אמעריקאנער אידען דולדען ווי איך ווער שענדליך אטאקירט און באליידיגט, און במנוחה צו קוקען ווי עס ווערט געשטערט די מנוחה פון שבת? ווי אידישע פעקטארים זענען אין פולען גאנג. אידען ארבייטען ביי אידען און זענען מחלל שבת בפרהסיא?

איך בין קיין דעטעקטיוו ניט נאך צו זוכען און גריבלען ביי יעדען אין זיין היים ווי ער באגעהט זיך אין באציהונג צום שבת. זאל יעדער אליין קאנטראלירען זיינע האנדלונגען אויף זיין פאראנטווארטליכקייט. אבער דעם באזיס פון רעליגיע, דעם „שבת” עפענטליך צו דעמאראליזירען, איגנארירען, שטעלען שבת מיט דינסטאג אויף איין שטופע, דאס איז א סקאנדאל וועלכער שטעכט אוים די אויגען.

און ניט בלויז די פאבריקאנטען מיט דער געגענווערטיגער ארבייטערשאפט זענען מחלל שבת, נאר זיי שטעקען דאס אן און גיבען עס איבער די ארטאדאקסישע אימיגראנטען און רייסען זיי אוועק פון דער רעליגיע. דען זיי קענען ניט קיין ארבייט באקומען אין די אידישע פעקטארים בלייבענדיג



טריי דעם שבת, און ניט ווילענדיג, נעגען זייער איבערצייגונג נויטיגט זיי דער שווערער הונגער צו פארקויפען די נשמה צום טייפעל. און מיט בלוטיגע טרעהרען אין די אויגען און א וועהטאג אין הארץ מוזען זיי דעם הייליגען שבת אויפגעבען, און דאס אידישקייט שליידערען אין אב גרונד.

און ווי קאמיש איז דאס בילד, דער מאנופעקטשורער קומט שבת אין שוהל, קויפט אן עליה צום ספר, דער בעל קורא לייענט איהם פאר זיין כבוד די פרשה פון שבת „כל העושה בו מלאכה מות יומת” (ווער עס ארבייט אין שבת געהער לויט דעם דין תורה טויט־שטראף). ער הערט זיך אויפמערקזאם צו, מאכט א ברכה „אשר נתן לנו תורת אמת” (ווי וואויל און ווי גוט עס איז אונז אידען וועלכע באזיצען די אמת׳ע תורה און דאדורך דאס איביגע לעבען אין אונז איינגעפלאנצט). ער נעמט אבשיעד פון דער שוהל מיט דעם „גוט שבת” — און גלייך איז דער פעקטארי צו דער פארבאטענער ארבייט וואס מען האט איהם ערשט פארגעלעזען.

ווען ער וואלט געוועזען אן עהרען מאן ער זאל זיך רעספעקטירען, האט ער געדארפט דעם בעל קורא אנשפייען אין פנים פאר זיין גראבהייט און פרעכהייט, איהם פארצולייענען זיין דעקרעט פאר חלול שבת, אבער ווי קליינליך, ווי נידעריג מאראליש איז ער געפאלען, ער דאנקט נאך דערפאר און איז מנדר נדרים — איז דאס מעשה מענש ?

און עס פרעגט זיך: ווען יעמאנד זאל דעם זעלבען מאן וואגען אנצורופען „ליגנער, בלאפער" וואלט ער געוויס די שאנד ניט פארשוויגען. ער וואלט זיך מיט איהם אפגערעכענט. און דא סטעמפעלט ער זיך אליין פאר אן אויסגעשפראכענעם ליגנער. צו דאווענען „ישמחו במלכותך שומרי שבת" (מיר שבת היטער און פארעהרער פרעהען זיך מיט דיר, ליעבער גאט) — און מאמענטאל, איז דער זעלבער מאן מחלל שבת, דאס הייסט, ער אנאנסירט זיך פאר דעם פובליקום: איך בין א פאלשער מענש, איך פארזיכער מיט מיין מויל אזוי — אבער פאקטיש, טהו איך דעם קאנטראסט.

ווי איז א מאן אזוי אומשעהמבאר זיך צו מאכען פאר א שמאטע, פאר א פארדרעהעניש?

און געוויס, ווען מען וועט פרעגען די סארט מענשען. „זענט איהר אידען?" וועלען זיי שטאלץ ענטפערען: „פאזיטיוו! מיר זענען די ריכטיגע אידען". און ווי קאמיש קלינגט דאס, אז איינער וואס טרעט איבער די לאנדעס געזעצע און באנעהט פארברעכען אויף טריט און שריט וועט זיך ריהמען „איך בין דער געטרייעסטער פאטריאט!"

דא שטעלט זיך די אוראלטע פראגע פון אליהו הנביא „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים" (ווי האלט איהר זיך צווייזייטיג? ענטוועדער־אדער. ענטוועדער מיט גאט, אדער געגען קולט). קיינע צוויי געגענזייטיגע סיסטעמען עקזיסטירען ניט, אדער אידענטום — אדער חלול שבת. ביידע



בייזאמען איז קיין הארמאניע. וואס פאר א סארט איז אזא האלטונג? „אסימילאציע?" — ניין. (זי ברויכט קיינע עליות פעררעטה?) —ניין. דאס איז סיסטעמלאז, דאס איז אנארכיע, פאראדאקס, עבע און פלוטה צוזאמען. א תוהו ובוהו, ניט מיר, ניט דיר.

וועה צו דיר אמעריקאנער אידענטום! דיין לאגע איז קלעגליך בארויערנס־ווערטה! דו וואוינסט אין דעם גליקליכסטען לאנד, אין דעם „אאזיס" צווישען די מדבריות פון גזרות און צרות. דו ווייסט ניט פון קיינע באגרענעצונגען. דו געניסט אלע רעכטע. שונאים שאדען דיך ניט, אבער ליידער דו אליין פערדארבסט דיין גוטע קאריערע. אין דעם גן עדן ברענגסט דו מיט דעם שלאנג, דו פארקויפסט די בכורה פאר א טאפ לינזען. און וואס פאר א ווערטה האט דיין זיכערע עקאנאמישע לאגע, אז דו ערווערבסט זי מיט דעם פארלוסט פון גייסטיגען לעבען. און באצאהלסט דערפאר מיט דעם בעטראג פון דעם קאסטבארען שבת?

געוויס וועט מען ארויסטרעטען מיט דעם באקאנטען תירוץ אויף חלול שבת: „די ביטערע פרנסה, די נויט, דער קאמף אום דאס דא זיין" אבער —

1) ווען אן איינציג קינד איז געפעהרליך קראנק קען דער פאטער ניט רוהיג פיהרען די ביזנעס אין סטאר. ער טראכט נור פון זיין קינד. ווי עס האלט ביי דער נשמה פון אידענטום „שבת" איז „פרנסה" ניט אין פלאץ.

2) אין דער אלטער היים, אין די פינסטערע שטעט. אין די זארג פון ערנעהרונג פיעל גרעסער, און מעהר יאגעניש נאר׳ן ברעקעל ברויט. און דאך איז מען אין ווארשא, לאדז, ביאליסטאק און ווילנא ניט מחלל שבת.

3) יערענפאלס, איז דאך א יושר צו זוכען מיטעל און טרייען דעם שבת ניט מחלל זיין, און ניט אזוי גלייבגילטיג און רוהיג, אהן געוויסענסביסען דעם שבת צו מיסברויכען.

4) אבער דער עיקר איז, עס איז נאר קיין פראבלעם. קיין ארגומענט. עס איז קיין נויט און ברויט פראגע. עס איז דא אן איינפאכער פלאן נאר ניט צו פארלירען קיינע ארבייטס־צייט. מען קען די שבת שטונדען פראפארציאנעל פארטיילען און צולייגען צו די 5 טעג פון דער וואך. יעדען טאג צו פארלענגערען די ארבייט אויף 1 שטונדע (פון 5 ביז 6) און דאן איז אלעס אין דער בעסטער ארדנונג.

מיין אפיעל איז געריכטעט צו בידע פארטייען, צו די באסעס און צו די ארבייטער: איהר זאלט וויסען —

1) אז שבת איז דער גרונדשטיין פון אונזער תורה. פון דער גרעסטער רעליגיעזער באדייטונג. דער וואס איז מחלל שבת בפרהסיא טרעט דערמיט ארויס פון עבטען אי־דישקייט. ער קען קיין עדות זאגען. און ווען מיר זענען גע־זעסען אין ארץ ישראל איז ער געווען חייב מיתה.

2) שבת איז אונזער נאציאנאלער פאהן. אונזער סימ־באל.



3) יעדע נאציע רעספעקטירט די טראדיציע פון די עלטערען. און ווי גרויס איז אייערע עלטערען׳ס שאנד: אז איהר צוברעכט און פארשוועכט דעם שבת פאר וועלכען זיי האבען זיך געאפפערט און איז געווען דאס טייערסטע און זייער הייליגטום — „איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו״.

וועגען דער אנגעלעגענהייט, האב איך געשיקט נאך די ארבייטער־פיהרער פון קלאוק־מאכער יוניאן, און פארגעלעגט דעם פלאן איינצוטיילען די שבת שטונדען אויף די וואכען־טעג. האבען זיי מיר פארשפראכען. אז אויב די מאנופעקטשו־רערס וועלען זיין דערמיט איינפארשטאנען וועלען זיי, די ארבייטער, עס גוט־הייסען. אלזא האלט עס יעצט ביי אייך, מאנופעקטשורער. איהר האט יעצט דאסווארט. איך בעט אייך צו פאררופען א מיטינג צו באהאנדלען די וויכטיגע פראגע ווי זי פארדינט. און געוויס וועט איהר קומען צו דעם באשלוס, צו דעם גינסטיגען רעזולטאט: דער שבת זאל רוהען און אייער בורזשעט זאל ניט ליידען.

איך אפעליער צו אלע קאנגרעגיישאנס צו היטען אונזער כבוד, צו העלפען אויסצוראטען דעם איבעל. אז אלע מחללי שבת בפרהסיא: די יעניגע וואס אין זייערע פעקטארים ארבייטען אידען אום שבת, די יעניגע וואס פארקויפען שבת זאלען ניט פארנעמען קיינע אמטען. זיי קענען ניט פרע־זידענטען, ניט וויס־פרעזידענטען, ניט טראסטיעס זיין, אויך ניט אין קיינע קאמיטע ערוועהלט זיין. דער סיסטעם

מוז באקעמפפט ווערעז. דאס איז דער לעצטער גרענעץ פוז חוצפה. די תורה שטעלט דעם שטרענגסטען פראטעסט נעגען אזא פארברעכען. און ווי קען מען זיך פארשטעלען עפעס אומנארמאלערעס, ווי א וואלף אלס פאסטור פון די שאף, א דאלי לאמא א קהלה רב, און א מחלל שבת — א פרעזידענט אין א רעליגיעזע שוהל, אזעלכעס טאר מעהר ניט פאסירען.

גלייכצייטיג נעפין איך פאר נויטיג צו זאגען, אז ביי די וואס האלטען אפען זייערע סטארס אום שבת; טאר מען ניט קויפען זייערע געבעקס. עס איז פארדעכענט ווי גויאישע. איך האבען זיי קיין גלויבען אויף רעליקאטעסען, ווארשטען. מען מעג נאר קויפען ביי אידען וואס שבת זייגען זייערע סטארס פארמאכט.

איך גלויב, אז איהר אלע ווילט זיין געטרייע אידען. נאר די געוואוינהייט (די גרעסטע מאכט, די שטארקסטע רעגירונג) האט אייך פארבלענדעט די אויגען. איהר גיט אייך קיין רעכנונג אפ וואס איהר טוט, ווי ווייט איהר טרעט אפ פון רעליגיע. איך האף אז איהר וועט אלעס פארדיכטען און צוריק הויך אויפהויבען די וואלוטא פון שבת, און דאן וועט איהר נעניסען זיין ריכטיגען גייסטיגען פארגניגען, און מיט רעכט וועט איהר דרייסט זאגען און זינגען „ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג".

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"א

# A SABBATH LETTER

## AN OPEN LETTER FROM THE SABBATH TO JEWISH-AMERICAN MANUFACTURERS AND WORKMEN

By

**Rabbi L. Graubart, Toronto.**

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"א

**Toronto, April, 1922**

I, Dame Sabath, appeal to you. I am sufficiently known and my lineage needs no introduction. I am as old as the Jew. I have ever played the greatest role and have occupied the chief place in Jewish history. I am the crown of Judaism—God's cherished one—Israel's delight.

So I ask of you American Jews how can you tolerate that I be disgracefully insulted and attacked and calmly look at this disturbance of the Sabbath rest, that Jewish factories are in full swing—Jews employed by Jews—publicly violating the Sabbath day?

I am no detective to ferret out in each man's home his private attitude to the Sabbath. Let each man control his own actions upon his own responsibility. But to demoralize, to publicly ignore the Sabbath, the basis of Religion, to place the Sabbath on the same level as a Tuesday, were to transgress the very limits of decency.

Not only do employers and workingmen violate the Sabbath—they even infect the Orothodox immigrants and tear them apart from their religion, for the latter are unable to obtain employment and yet remain loyal to their Sabbath. Thus, unwillingly and against their convictions, they are compelled by dread hunger to



sell their very souls to the devil, and with tears of blood and heart-breaking grief, to abandon the holy Sabbath and cast their Judaism into the abyss.

What a ridiculous picture we have. The manufacturer goes to his synagogue on the Sabbath day, is called up to the Scroll of the Law, the Reader recites in his honor the passage concerning the Sabbath; "כל העושה בו מלאכה מות יומת"—(Whosoever doeth work therein shall be put to death.) He listens most attentively and recites a blessing; "אשר נתן לנו תורת אמת"—("How good it is for us Jews, who possess the true Law, for through it is the everlasting life planted in our souls.) He leaves the synagogue with a parting "Gut Shabbos" and immediately winds his way to the forbidden labour, that had so reecntly been denounced!

Were he an honorable man and commanded his own self-respect he should have repudiated the Reader for his insolence and impertinence and thus reciting for him this decree regarding the violation of the Sabbath. But how small, how morally low has he fallen, and still he actually thanks the Reader and contributes a donation. Is this manliness?

One might well wonder how this same man would

respond, were he abused and called "liar" to his face. Undoubtedly he would retaliate. And thereby he brands himself as an out and out liar. For see what he does; "ישמחו במלכותך שומרי שבת" is what he prays. "We observers of the Sabbath, rejoice in Thee O God." And then this devout worshipper will violate the Sabbath immediately following his prayer. In reality he announces himself before the public as a false man, first in giving one assurance and then actually doing just the reverse. How can a man be so shameless and reduce himself to so low a level—to stoop to perversion?

Indeed, should one inquire of this type of people if they are true Jews, the answer would be proudly forthcoming and most positively. How ridiculous it were to appear for one who has infringed on the laws of the land and has committed crimes untold, to boast loudly of his loyal patriotism.

The old question of Elijah the Prophet is here most applicable. "עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים" ("How long halt ye between two opinions?—If the Lord be God follow him, and if Baal then follow him—I. Kings 18:21.) No two contrasting systems can exist; either Judaism or violation of the Sabbath. Both together, they cannot harmonize. What sort of tactics are these? Assimilation? No. For then why should our friend desire to be called to the Scroll of the Law. Treason? Again no. In reality it is entirely without system. It is anarchy, a sort of paradox—without any rationale whatever—ebb and tide in one.



You are indeed to be pitied, American Judaism. How lamentally deplorable is your status. You dwell in the happiest of lands, in an oasis surrounded by deserts of misery. You enjoy all rights; you suffer no restrictions and no foes harm you nor destroy your position, and yet you are ruining your own career. You yourself are bringing the serpent into the garden of Eden. Of what avail then is your stable economic condition, when it is obtained at the expense of your spiritual life? You are selling your birthright for a pot of lentils. You are paying with your precious Sabbath.

No doubt, the usual argument will be advanced, namely the struggle for existence, the necessity, the bare livelihood. But—

(1) When an only son is dangerously ill, the father cannot calmly pursue his daily business. So distressed is he, that he is animated only with thoughts of his

son's safety. Similarly, when the soul of Judaism—the Sabbath—is at stake, the plea of livelihood or business is not in place.

(2) In the old country, in those dark and wretched regions where starvation rules, where one is lifelong engaged in the supreme struggle for a dry crust of bread, yet as in Warsaw, Lodz, Bialystock, Vilna—Shabbos is Shabbos as the Lord hath ordained.

(3). In any case it is but just that means should be sought and attempts made not to transgress the Sabbath day instead of indifferently, coolly and remorselessly desecrating it.

(4). It is really no problem at all. It is not a matter of necessity. There is a simple plan whereby no work need be lost on account of the Sabbath. The Saturday work period can be proportionately divided among the 5 days of the week, increasing each day's work by one hour. In such a manner a satisfactory settlement be arrived at for all interested.

My appeal is directed towards both parties, to the employers and to the employees. You must know, (1) that the Sabbath is the cornerstone of the Torah, of the greatest religious significance. He who publicly desecrates the Sababth deliberately rules himself out of



Judaism. In the Torah transgression of the Sabbath is on a par with the other offences punishable by death. (2) That the Sabbath is our national banner, our symbol. (3) That every nation respects the traditions of its forefathers. How great is the shame of our ancestors when you wreck and dishonor that very Sabbath for which they laid down their lives, and which was the most cherished of all their sanctuaries. "Ye shall fear every man his mother and his father and keep my Sabbaths." (Leviticus 19:3).

In this regard, I sent for the officers of the Cloak Makers' Union and proposed to them this plan of dividing the Saturday work hours among the other work days of the week. They promised ratification of this proposal on the part of the workingmen they represented, provided the employers will agree.

So you see, it is up to you, manufacturers. It is your move. Call a meeting and give this important question the full consideration to which it is entitled. Surely you will come to a decision— and to a favorable conclusion—that the Sababth shall rest and your budget shall not suffer.

Furthermore, I appeal to all congregations to guard our honor and aid in eradicating this evil public violation

of the Sabbath. Let not those who employ Jews on the Sabbath day, and those who keep their stores open on this day, hold any office. They must not be presidents, vice-presidents or trustees, nor should they participate in any committees. It is the very height of insolence. The Torah protests most vehemently against such blasphemy. Can one imagine anything more unnatural, more abnormal, than a wolf be the herdsman of a flock, the Grand Llama—a Rabbi—and a violator of the Sabbath—the president of a religious synagogue. This system must be combated. Such conditions must not occur.

I firmly believe that you all desire to be loyal Jews, and that it is habit alone (that greatest of powers, the most powerful of rulers) that has deluded you. You do not take stock of your own actions. You do not realize how you are becoming estranged from your religion. I hope you will correct all these things, and raise once more the Sabbath valuta. Then, only, will you enjoy the true spiritual delight of the Sabbath, and rightfully and boldly say: „ישמחו במלכותך שומרי שבת" ("We Sabbath observers are joyful and trust fully in thy guidance, O Lord.")